# נצבים

א. אויף „אתם נצבים (היום)"[1] שטעלט זיך רש"י און איז מפרש: „מלמד שכינסם משה לפני הקב"ה ביום מותו להכניסם בברית".

איז דאָ ניט פאַרשטאַנדיק: וואָס איז דאָ רש"י מחדש „מלמד שכינסם כו' להכניסם בברית", עס שטייט דאָך מפורש „אתם נצבים היום גו' לעברך בברית ה' אלקיך"?

מפרשים[2] לערנען, אַז דער חידוש פון רש"י „מלמד כו'" איז ניט אין דעם „להכניסם בברית" וואָס שטייט מפורש אין פסוק, נאָר אין דעם „כינסם משה כו'"[3]: אין פסוק שטייט נאָר „אתם נצבים", קען דאָך זיין אַז משה האָט זיי ניט צונויפגעקליבן, נאָר זיי זיינען געבליבן עומדים על מקומם (ווי זיי זיינען געווען חונים סביב הארון), זאָגט רש"י „מלמד שכינסם משה לפני הקב"ה כו' להכניסם בברית", און זיין ראַי' אַז „כינסם" איז פון „להכניסם בברית" — כניסה לברית איז דורך העברה[4], וואָס דערצו מוז זיין פריער כינוס.

עס איז אָבער שווער אַזוי צו איינלערנען אין פרש"י, ווייל לפי"ז: א) האָט רש"י געדאַרפט מעתיק זיין אין דעם דיבור המתחיל אויך די (ווייטער־דיקע) ווערטער „לעברך בברית", וואָס פון דעם איז זיין הכרח. ב) ער האָט געדאַרפט זאָגן ניט „להכניסם" נאָר (ע"ד לשון הכתוב) „להעבירם בברית", וואָס דערפון איז די ראַי' אַז „כינסם". ג) פון לשון רש"י „מלמד שכינסם משה כו' להכניסם בברית" איז משמע אַז דער חידוש פון רש"י באַשטייט אין „להכניסם בברית" (ניט אין דעם עצם ענין וואָס „כינסם", און „להכניסם בברית" זאָל זיין בלויז די ראַי' אויף דעם).

ב. לאחרי ווי רש"י איז מפרש די פסוקים ביז נאָך „למען הקים אותך היום לו לעם והוא יהי' לך לאלקים" איז ער מפרש אין אונזער פסוק נאָך צוויי פירושים: „ומ"א[5] למה נסמכה פרשת אתם נצבים לקללות לפי ששמעו ישראל מאה קללות כו' התחיל משה לפייסם אתם נצבים היום כו' והרי אתם קיימין לפניו"; און דערנאָך איז ער מפרש דעם וואָרט „היום" (לפירוש זה) „כיום הזה שהוא קיים כו'", און איז ממשיך „ד"א[6] אתם נצבים לפי שהיו ישראל יוצאין מפרנס לפרנס ממשה ליהושע לפיכך עשה אותם מצבה כדי לזרזם כו'".

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) וואָס איז שווער אין דעם ערשטן פירוש וואָס צוליב דעם דאַרף רש"י

1) בכמה דפוסים נעתקו בפרש"י רק התיבות „אתם נצבים" — בדפוס ראשון (בסיום פרשת תבוא) אי' „פרשת אתם נצבים (וברי"פ מתחיל) היום מלמד כו'", בדפוס שני נעתק בתחלת פרש"י „אתם נצבים היום כולכם". וברוב הכת"י דפרש"י „אתם נצבים היום".

2) ראה ש"ח. ונראה שמפרש כן ברא"ם. וראה גו"א כאן בתחלתו.

3) ראה רא"ם ורע"ב, דפ' שלמע' „ויקרא משה" (בס"פ תבא) הוא כינוס וענין בפ"ע. אבל ראה לקמן בפנים.

4) כפרש"י לקמן פסוק יא.

5) ראה תנחומא פרשתנו בתחלתו. תנחומא באָבער כאן ב.

6) ראה תנחומא שם.

אנקומען צו א צווייטן פירוש, און דערצו נאך — פון „מדרש אגדה" (ובפרט אז רש"י אליין איז מדגיש וועגן ערשטן פירוש „ע"כ פירשתי לפי פשוטו של פרשה" און וועגן צווייטן פירוש איז די הדגשה „ומ"א"); און אויך דער צווייטער פירוש איז ניט מספיק און ער דארף אנ־קומען צו א דריטן פירוש „ד"א אתם כו'".

לאידך — ווי גערעדט פיל מאל — איז דער ערשטער פירוש (ברש"י בכל מקום) דער עיקר, און דער צווייטער פירוש איז נעענטער צו פשוטו של מקרא ווי דער דריטער פירוש — עפ"ז דארף מען פארשטיין: מיט וואס איז דער דריטער פירוש ווייטער פון פשש"מ ווי דער צווייטער פירוש?

ב) פון דעם וואס רש"י ברענגט דעם פירוש פון „מ"א" און אויך דעם דריטן פירוש „ד"א" ערשט ביים פסוק „למען הקים אותך גו'", און ניט גלייך בהתחלת הפרשה ביים ערשטן פסוק „אתם נצבים היום", איז מוכח, אז די צוויי אנדערע פירושים שברש"י זיינען בשייכות ניט נאר צו די ווערטער „אתם נצבים היום", נאר אויך צו די אלע פסוקים ביז דעם פסוק „למען הקים גו'", און ווי לשון רש"י אין דעם פסוק „ע"כ פירשתי לפי פשוטו של פרשה ומ"א כו'", ד.ה. אז דער „מ"א" איז אן אנדער פירוש אויך אין די אנדערע פסוקים ביז אהער, ואעפ"כ טייטשט רש"י ניט אויס בפרטיות דעם פירוש אין די אלע פסוקים לויט דעם „מ"א" און „ד"א"[7].

איז ניט מובן: וויבאלד אז דער פירוש פון די אלע פסוקים בייט זיך, פארוואס איז רש"י מפרש (לויטן „מ"א") נאר דעם ווארט „היום, כיום הזה שהוא קיים כו'"[8]?

ג. דער ביאור בזה: פון דעם וואס רש"י זאגט דעם לשון „מלמד שכינסם משה כו' להכניסם בברית", און זאגט ניט כלשון הכתוב „להעבירם בברית", איז מובן אז ער קומט ניט מפרש זיין דברי משה „אתם נצבים היום כולכם גו' לעברך בברית" [ווייל דאס איז מפורש אין פסוק), נאר רש"י איז מחדש א באזונדער ענין וואס מ'לערנט אפ פון די ווערטער „אתם נצבים היום".

בפשטות קומט די פרשה „אתם נצבים היום כולכם" בהמשך צום סוף פון דער פריערדיקער פרשה „ויקרא משה אל כל ישראל ויאמר אליהם אתם ראיתם גו'" [ווארום אויב ס'וואלט געווען א באזונדער קריאה און א באזונדער כינוס האט דעמאלט בריש פרשתנו נאכאמאל געדארפט שטיין „ויקרא משה אל כל ישראל"[9], וכיו"ב].

בפשטות דארף מען לערנען, אז דער „ויקרא משה אל כל ישראל", דער כינוס פון אלע אידן אין ס"פ תבוא, איז געווען מיטן צוועק צו זאגן זיי דאס וואס שטייט גלייך נאכדעם אין פרשה — „ויאמר אליהם אתם ראיתם גו' המסות הגדולות גו' ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם גו'". דאס איז געווען די מטרה פון כינוס, און נאר ווי א המשך דערצו קומט „אתם נצבים היום גו'".

---

7) כי י"ל שזה מובן מעצמו דלפירוש זה הפסוקים שלאח"ז „לעברך בברית גו'" גם הם חלק מזה שהם קיימין לפניו ורש"י אי"צ לפרשו. וכצ"ל לפי הג' שמובן ד„לעברך בברית וגו'" הם חלק מזה שעשה אותם מצבה כו'.

8) ובפרט שבתנחומא שם הפי' בתיבת „היום" הוא פי' אחר לגמרי („ד"א" — פי' האחרון שם), ולא המשך לפי' „למה נסמכה כו'".

9) כמ"ש בגו"א כאן. נימוקי שמואל כאן.

און אין דעם איז רש״י מחדש „מלמד״: פון די ווערטער „אתם נצבים היום״ לערנט מען אפ „שכינסם משה לפני הקב״ה כו׳ להכניסם בברית״, מטרת הכינוס איז ניט געווען צוליב איבערגעבן זיי זיינע רייד (אין ס״פ תבא), נאר „כינסם משה לפני הקב״ה כו׳ — להכניסם בברית״[10].

דער הכרח אויף דעם איז:

א) די ווערטער „אתם נצבים״ — וואס זיינען לכאורה שלא במקומן, וויבאלד עס שטייט שוין פריער „ויקרא משה אל כל ישראל״, זיינען דאך אלע אידן געווען באותו מעמד האט משה געדארפט דערמיט אנהייבן[11]. אויב מאיזה טעם (כדי מדגיש זיין „לפני ה״א״ וכיו״ב) וויל ער דאס זאגן דוקא האט אבער געדארפט שטייען „ואתם נצבים״ — מיט א וואו המוסיף אויף „אתם ראיתם גו׳ ותבואו גו׳״ — מוז מען זאגן אז דער לשון איז עפעס „מלמד״.

ב) דער המשך „אתם נצבים היום כולכם לפני ה״א״ — לכאורה זיינען זיי געווען „נצבים לפני משה״ אויף צו הערן וואס ער גיט זיי איבער[12].

ג) „היום״ — וואס מיינט „ביום מותו״ [ווארום אין סוף פ׳ תבא[13] זאגט ער „ולא נתן ה׳ לכם לב לדעת .. עד היום הזה״, און רש״י איז דארט מפרש אז דאס איז ווען נתן משה ספר התורה לבני לוי, ווי דערציילט אין פ׳ וילך וואס דאס איז געווען ביום מותו, און פ׳ וילך קומט בהמשך בזמן אחד צו פ׳ נצבים[14]] — אויב מ׳זאל לערנען אז דער כינוס איז געווען בכדי צו זאגן זיי „אתם ראיתם את כל אשר עשה גו׳ המסות הגדולות גו׳ ושמרתם גו׳״ — חיזוק אין שמירת התורה והמצות — איז פארוואס האט ער געווארט ביז יום מותו, און ער האט עס ניט געזאגט פריער (משנה תורה האט דאך משה רבינו אנגעהויבן זאגן „בעשתי עשר חודש באחד לחודש״[15])?

דאס אלץ איז מכריח אז מטרת הכינוס (דס״פ תבוא) „ויקרא משה אל כל ישראל״ איז געווען להכניסם בברית (שבפרשתנו), וואס דער ברית איז געווען נוגע (בעיקר) לאחר שעברו את הירדן (ווי רש״י זאגט ווייטער בפרשתנו[16]), האט ער דאס דעריבער אפגעלייגט ביז „יום מותו״, וואס נעענטער צום זמן שעברו ישראל את הירדן.

ד. ע״פ הנ״ל, אז „אתם נצבים היום גו׳״ קומט בהמשך צו דער פריערדיקער קריאה פון משה׳ן „אל כל ישראל״, ולאידך איז מטרת הכינוס געווען „לפני הקב״ה כו׳ להכניסם בברית״, און די רייד אין ס״פ תבא זיינען ע״ד ווי א מאמר המוסגר, בלויז א הקדמה והכנה דערצו — זיינען מובן נאך צוויי פרטים אין פשש״מ אויף וועלכע רש״י שטעלט זיך ניט:

א) די תורה דערמאנט דא „טפכם״. ולכאורה, אין דער תורה געפינט מען ניט אז משה רבינו זאל רופען אויך „טף״

10) וכ״מ מפי׳ הראב״ע תבוא כט, א. אברבנאל שם.

11) ראה צדה לדרך באו״א קצת. וראה נימוקי שמואל כאן.

12) עפ״ז י״ל דתיבת „לפני הקב״ה״ שבפרש״י הוא העתקת לשון הכתוב אלא שמשנה מל׳ הכתוב „ה׳ אלקיכם״ ללשון המורגל ב(תושבע״פ וב)פרש״י.

13) כט, ג.

14) כמ״ש בגו״א ונימוקי שמואל כאן. וראה גם אברבנאל תבוא שם.

15) דברים א, ג.

16) כט, כח.

ביים צוזאַמענקלייבן אַלע אידן (פאַר וועלכן צוועק ס׳זאָל נאָר זיין). נאָכ־מער: ווייטער אין פ׳ וילך[17], וואו עס שטייט „הקהל את העם האנשים והנשים והטף״, שטעלט זיך רש״י אויף דעם און באַוואָרנט „למה באו לתת שכר למביאיהם״ (און ס׳איז מובן אַז (לויט רש״י) איז בפרשתנו ניט דאָס דער טעם, וואָרום דאַמאָלס וואָלט עס רש״י מפרש געווען באַם ערשטן מאָל — דאָ, און ניט פאַרלאָזן זיך דאָ אויף דעם וואָס ער וועט מפרש זיין אין אַ שפּעטערדיקער סדרה)[18].

און כאָטש בהענין דפרשתנו האָבן די טף געדאַרפט זיין בכדי אַריינגענומען צו ווערן אין דעם כריתת ברית, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַלעמען, היות אָבער אַז „אתם נצבים״ איז דאָס דער כינוס פון ס״פ תבא, קומט דאָך אויס אַז די טף זיינען געווען מתחילת הכינוס ווען משה האָט געזאָגט „אתם ראיתם גו׳ המסות הגדולות גו׳ ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם״ — וואָס צו דעם זיינען זיי דאָך ניט געווען שייך, זיי זיינען דאָך ניט מחוייב במצות[19]?

אָבער ע״פ הנ״ל אין פרש״י, אַז „ויקרא משה״ איז געווען „לפני הקב״ה .. להכניסם בברית״, איז מובן וואָס גלייך בהתחלת הקריאה האָט מען גע־בראַכט טף, וואָרום מטרת הכינוס איז געווען להכניסם בברית און די רייד „אתם ראיתם גו׳״ זיינען בלויז אַ הקדמה דערצו.

ב) איידער מ׳לייגט אַרויף אויף עמעצן אַ געוויסע התחייבות, און באַזונדערס — אַ שבועה וכיו״ב, מוזן קומען הסברה והקדמות. מ׳קומט ניט צו איינעם גלייך מיט דער התחייבות, שבועה וכו׳.

ובנדו״ד איז דאָך „אתם נצבים״ געווען „לעברך בברית ה״א ובאלתו גו׳״, אַ ברית און אַ שבועה אויף יעדער אידן — פון פאַרשידענסטע סוגים פון כלל ישראל — איז ווי קומט עס אַז משה האָט זיי פריער ניט געזאָגט עפּעס אַ הקדמה צו אַזאַ דבר גדול וחמור? [וואָס די שאלה איז בתוקף סיי אויב „ויקרא משה אל כל ישראל״ איז געווען צוליב זאָגן זיי „אתם ראיתם גו׳״ ובמילא איז געווען דער „לעברך בברית ה׳ אלקיך ובאלתו״, ופשיטא — אויב מ׳זאָל לערנען[20] אַז „אתם נצבים״ שבפרשתנו איז געווען אַ כינוס בפ״ע].

ע״פ פרש״י אָבער, אַז „כינסם משה לפני הקב״ה כו׳ להכניסם בברית״ דאָס איז געווען די מטרה, איז דער ענין מובן, וואָרום „אתם ראיתם גו׳ המסות הגדולות גו׳״ איז טאַקע געווען די

---

17) לא, יב.

18) יתירה מזו י״ל, שכאן אינו שייך הטעם שבפרש״י שם, כי: א) בפ׳ וילך נאמר „טף״ אחרי „האנשים והנשים״, ולכן פרש״י ע״ז „שכר למביאיהם״, ואילו בפרשתינו נאמר „טפכם״ לפני „נשיכם״. ב) בהקהל צ״ל הבאה לביהמ״ק, משא״כ בפרשתנו שרק כינסם יחד. ג) בפ׳ וילך מפורש בנוגע ל„והטף״ שצ״ל „הקהל״, משא״כ בפרשתנו שלא נאמר טף מפורש בנוגע ל„כינסם משה״ — להקהלה (שמודגש שאחרים הביאום — „שכר למביאיהם״), ורק „אתם נצבים היום״.

19) בנימוקי שמואל כתב דקרא דאתם נצבים אתי לאורויי ד„אל כל ישראל״ דלעיל הוא כולל אנשים ונשים וטף כו׳ אלא דלעיל דקאמר אתם ראיתם גו׳ דשייך לאנשים להכי סתם הכתוב ואמר אל כל ישראל והכא בענין הכנסתם בברית דכולהו שייכי בי׳ אנשים ונשים וטף הוצרך לבארם ולפרטם כל פרט ופרט כו׳. אבל צ״ע דאת״ל דהדבור דס״פ תבוא הוא ענין בפ״ע, הרי הי׳ אפשר לכנוס מתחלה את האנשים ולאמור השייך לאנשים ואח״כ כאשר בא להכניסם בברית יכנס גם הנשים והטף (וכמ״ש בנמוקי שמואל שם לפנ״ז), משא״כ ע״פ המבואר בפנים.

20) כפי׳ הרא״ם כאן.

הסברה און דער אריינפיר צו (דער מטרה) „לעברך בברית ה״א ובאלתו״.

ה. לויט דעם פירוש איז אבער ניט ערקלערט דער לשון שאינו רגיל כ״כ „נצבים״. לפי הנ״ל אז דער לשון לאזט אונז הערן אז „כינסם משה לפני הקב״ה כו׳ להכניסם בברית״, פארוואס שטייט „נצבים״ — א לשון בלתי רגיל — און ניט דער לשון „עומדים״, וואס איז רגיל אין תורה, און ווי ער זאגט אויך בענינגו (ווייטער אין פרשה[21]) „עמנו עומד היום״?

נאכמער: ניט נאר איז דאס ניט קיין לשון הרגיל, נאר עס פאסט לכאורה ניט דא אין פסוק מצד דעם תוכן. „נצבים״ איז ע״ד ווי רש״י[22] טייטשט „בקומה זקופה״, משא״כ דער לשון עומדים[23]. און וויבאלד אז „כינסם לפני הקב״ה כו׳ להכניסם בברית״, איז דאך פארשטאנדיק אז זיי זיינען געשטאנען מיט הכנעה וביטול, איז ווי זאגט ער „נצבים״ וואס ווייזט אויף שטארקייט און גרויסקייט[24].

דעריבער ברענגט רש״י א צווייטן פירוש „ומדרש אגדה״, אז דאס קומט בהמשך צו די קללות און „התחיל משה לפייסם אתם נצבים היום (אויף אזוי פיל אז חאטש) הרבה הכעסתם למקום ולא עשה אתכם כלייי והרי אתם קיימין לפניו״ — די הדגשה במיוחד איז אין דעם ווארט „נצבים״, וואס ווייזט אויף אן עמידה חזקה כו׳.

און לויט דעם פירוש בייט זיך (ניט בלויז דער מכוון און טייטש פון ווארט „נצבים״, נאר) אויך דער טייטש פון „היום״:

וויבאלד אז דאס זיינען דברי פיוס אויף די קללות, דארף מען זאגן בפשטות אז דאס איז געווען בסמיכות בזמן צו דער תוכחה, ובמילא איז ניט מסתבר אז דאס איז געווען ביום מותו[25], ווארום: א) די כוונה פון דער תוכחה איז

21) פסוק יד.

22) קרח טז, כז. וראה פרש״י וישב לז, ז.

23) ועפ״ז יובן מה שהוצרך רש״י לפרש ל׳ נצבים בפ׳ ויגש (מה, א) „לכל הנצבים״ — „שיהיו מצרים נצבים עליו ושומעין שאחיו מתביישין כו׳״, שגם שם אי״ז עמידה סתם אלא נצבים לגבי אחיו — ד„שומעין שאחיו מתביישין״. ובס״פ שמות (ה, כ) „ויפגעו את משה ואת אהרן נצבים״ פרש״י „אנשים מישראל את משה ואת אהרן וגו׳. ורבותינו דרשו כל נצים ונצבים דתן ואבירם היו כו׳״. דגם לפי׳ הא׳ מוסבר תיבת נצבים, כי מדובר באנשים חשובים משה ואהרן לגבי שאר האנשים. ובפ׳ וירא (יח, ב) „שלשה אנשים נצבים עליו״ לא הוצרך רש״י לפרש, כי מובן מעצמו שהרי מדובר שם במלאכים ואי״ז עמידה סתם.

וכן י״ל בתיבת „נצב״ „נצבו״ „נצבת״ הנאמר בתורה כמ״פ ואין רש״י מפרשם: חי׳ שרה כד, יג. מג. ויצא כח, יג. וארא ז, טו. בשלח טו, ח. יז, ט. יתרו יח, יד. תשא לג, ח. כא, לד, ב. ועוד — כי בכולם מובן שאין הכוונה לעמידה סתם, כ״א הדגשה מיוחדת בהעמידה, ועד״ז מובן ל׳ „ויצב״ הנאמר בהקמת מצבה וכיו״ב — וירא כא, כח. כט. וישלח לג, כ. לה, יד. כ. וראה גם ע״ד החסידות החילוק דנצבים ועומדים אוה״ת נצבים בתחלתו. ואכ״מ.

24) להעיר מבעל הטורים כאן.

25) אבל צע״ק דמפרש״י ס״פ תבוא כט, ג: „ועל זאת אמר להם היום הזה נהיית לעם״ משמע שגם הדיבור משם ואילך (תבוא כז, ט) הי׳ באותו יום. וכן מפורש ברמב״ן (תבוא כט, א) דויקרא משה אל כל ישראל מחובר ללפנ״ז ולא הלכו מלפניו*. וראה באר יצחק בפרש״י שם, ואולי י״ל דרש״י מפרש ב׳ פירושים: לפי פירושו (תבוא כז, ט) עה״פ „היום הזה נהיית לעם״ — „בכל יום יהיו בעיניך כאילו היום באת עמו בברית״, אין לפרש „היום הזה״ כפירושו בסוף הפרשה (כט, ג) „היום הזה הבנתי שאתם דבקים כו׳״, ולפי״ז לא הי׳ ביום מותו. משא״כ לפירושו בס״פ תבוא. ועצ״ע.

*) אבל לדעתו י״ל דהפרשיות עד פ׳ וילך לא הי׳ ביום מותו — ראה פירושו בר״פ וילך דהי׳ כנוס בפ״ע.

דאך געווען לזרזם אויף קיום התורה ומצות, האט ער זיכער ניט געווארט דערמיט ביז יום מותו, ב) ס'איז ניט מסתבר אז ביום מותו זאל זיי משה זאגן קללות[26] (אדרבה, ביום מותו, סמוך למיתתו, ברך אותם[27]).

דעריבער מוז רש״י אויך לערנען אז דערווארט „היום״ האט אן אנדער טייטש, וואס קומט בהמשך צו דעם פירוש פון „אתם נצבים״. וויבאלד אז „אתם נצבים״ מיינט „הרי אתם קיימין לפניו כו׳ והקללות והיסורין מקיימין אתכם ומציבין אתכם לפניו״ איז אויך דער טייטש פון „היום״ — „כיום הזה שהוא קיים כו׳״. און וויבאלד אז די דברי פיוס מוזן זיין בסמיכות צו דער תוכחה, איז רש״י מוסיף, אז די פסוקים היותר סמוכים צו דעם, די „פרשה שלמעלה מזו פיוסין הם אתם ראיתם וגו׳״.

ו. אבער אויך דער פירוש איז שווער, ווייל: א) לפי״ז האט געדארפט שטיין פריער „אתם נצבים״ און דער־נאך די פרשה „אתם ראיתם גו׳״, וואס איז דער אויסטייטש פון דעם עיקר הפיוס „לא עשה אתכם כליי״ והרי אתם קיימין לפניו כו׳ והקללות והיסורין מקיימין אתכם ומציבין אתכם כו׳״.

ב) אויב די פרשה איז דברי פיוס פון משה׳ן — ווי קומען דארט „טפכם״, וואס זיי פארשטייען ניט די תוכחה, ובמילא דארפן זיי ניט די דברי פיוס.

דעריבער ברענגט רש״י א דריטן פירוש „לפי שהיו ישראל יוצאין מפרנס לפרנס ממשה ליהושע לפיכך עשה אותם מצבה כדי לזרזם כו׳״, וואס עפ״ז איז פארשטאנדיק דער לשון „נצבים״ (ניט — „עומדים״), ווארום דער לשון ווייזט אויף אויף זירוז.

און לפירוש זה, איז: א) דער טייטש „היום״ — „ביום מותו״ (ווי לויטן ערשטן פירוש) — כמובן בפשטות, וויבאלד דאס איז דאך פארבונדן מיט דער יציאה מפרנס לפרנס. ב) מובן וואס פריער האט משה געזאגט „אתם ראיתם גו׳״ און ערשט דערנאך „אתם נצבים היום״, ווארום דאס האט געדארפט זיין וואס מער סמוך למיתתו ווען יוצאין מפרנס לפרנס. ג) מובן דער ברענגען די טף, ווארום אויך זיי גייען איבער מפרנס לפרנס.

ז. די שוועריקייט אין דעם פירוש אבער איז: וויבאלד אז דאס איז פאר־בונדן מיט דער יציאה מפרנס לפרנס, האט דאס משה געדארפט זאגן גאר צו לעצט, נאך פרשת וילך, סמוך למיתתו ממש — פארוואס שטייט עס פריער?

[בשלמא לויטן ערשטן פירוש אז „כינסם כו׳ ביום מותו להכניסם בברית״, וויבאלד דאס איז געווען נוגע לאחר שעברו את הירדן, איז ניט מוכרח אז עס זאל זיין סמוך למיתתו ממש (היות דאס קען סיי ווי סיי ניט זיין סמוך לענינו), אבער לויטן דריטן פירוש, אז דאס איז פארבונדן מיט דער יציאה מפרנס לפרנס, האט עס געדארפט זיין סמוך להיציאה ממש].

וואעפ״י אז דער צווייטער פירוש איז „מדרש אגדה״, איז ער נענטער צו פשוטו ש״מ ווי דער דריטער פירוש, ווארום לויטן דריטן פירוש איז „אתם

26) ומה שפרש״י דברים א, ג: „מלמד שלא הוכיחן אלא סמוך למיתה .. למד מיעקב כו׳״ — הרי (נוסף ע״ז שזה הי׳ ב„רמז מפני כבודן של ישראל״ (פרש״י ר״פ דברים)), הי׳ זה סמוך — בערך הדברים שאמר במשך כארבעים שנה. — אבל גם לאחר זה הי׳ ריבוי דברים, ברכות וכו׳ — מר״ח שבט ועד יום מותו בשבעה באדר.

27) ר״פ ברכה ובפרש״י שם.

נצבים" אַז ענין בפ"ע וואָס האָט ניט קיין שייכות צו „ויקרא משה אל כל ישראל" פון ס"פ תבא[28]. משא"כ לויטן צווייטן פירוש, איז ניט נאָר „אתם נצבים" בהמשך צו די רייד פון משה „אתם ראיתם גו'" פון ס"פ תבא, נאָר דאָס איז אויך געווען די מטרה און תכלית הכינוס „לפייסן", וואָס דער עיקר הפיוס איז אין „אתם נצבים" כנ"ל, און אין דעם איז דאָס נעענטער און בדומה צום ערשטן פירוש אַז די מטרה פון „כינסם משה" איז מבואר בפרשתנו „להכניסם בברית".

ח. פון יינה של תורה אין דעם פרש"י: פרשת נצבים לייענט מען אַלע־מאָל קודם ר"ה[29], און דאָס איז מרומז אין דעם וואָרט „היום" וואָס גייט אויף ר"ה[30].

און אין דעם איז רש"י מפרש „מלמד שכינסם משה לפני הקב"ה ביום מותו להכניסם בברית": כאָטש אַז פריער אין סוף פ' תבוא שטייט שוין וואָס משה האָט געזאָגט די אידן „אתם ראיתם גו' המסות הגדולות גו' ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם" — קיום התורה ומצוות, איז אָבער די מטרת הכינוס „ביום מותו" — אַ יום הדין — „להכניסם בברית", וואָס אַ כריתת ברית איז העכער פון הבנה והשגה[31], בר"ה טוט זיך אויף די התקשרות עצמית פון אידן מיטן אויבערשטן, וואָס די התקש־רות איז „כינסם לפני הקב"ה", אַ יחוד והתכללות מיטן אויבערשטן אַליין, העכער אפילו פון תומ"צ[32].

אעפ"כ, כהקדמה לזה איז געווען דער דיבור וואָס זאָל ברענגען צו „ושמרתם את דברי הברית הזאת ועשיתם אותם", וואָרום אַט די התקשרות עצמית וואָס ישראל וקב"ה כולא חד, קומט (בגילוי) ע"י התורה, וואָרום תורה איז דער ממוצע המחבר אידן מיטן אויבערשטן[33].

און ווי דער לשון (וואָס ברענגט זיך כמה פעמים) הזהר[34] „תלת קשרין מתקשראן דא בדא ישראל מתקשראן באורייתא ואורייתא בקוב"ה", וואָס לכאורה באַ דריי זאַכן המתקשרים זה בזה זיינען פאַראַן בלויז צוויי קשרים. נאָר — לאחרי ווי אידן ווערן פאַר־בונדן מיטן אויבערשטן ע"י התורה, ווערן אידן פאַרבונדן מיטן אויבערשטן אויך מצ"ע, אַ התקשרות וואָס איז העכער ווי די התקשרות ע"י התורה[35], ובמילא ווערט דאָס דריי קשרים (ישראל אורייתא קוב"ה ישראל — כדוגמת העיגול).

ובמילא מוז זיין די הקדמה פון „ושמרתם גו'", אָבער מטרת ותכלית הכינוס ביום ר"ה איז די התקשרות עצמית פון אידן מיט דעם אויבערשטן.

---

28) ראה רע"ב בפרש"י שם.

29) תוד"ה קללות שבת"כ מגילה לא, ב. טושו"ע או"ח סתכ"ח ס"ד. לקו"ת ר"פ נצבים.

30) ראה פענח רזא ס"פ נצבים לקו"ת שם. תורת הבעש"ט הובא בהיום יום כה אלול.

31) ראה לקו"ת כאן פ"ב. תו"א ס"פ לך. ובכ"מ.

32) ולכן אומרים אז „יבחר לנו את נחלתנו", שההתקשרות מצד הבחירה היא למעלה מכל מעלה ועבודה — ראה לקו"ש ח"ד ע' 1147 ואילך. וש"נ. לעיל ע' 164. 232. ועוד.

ולהעיר מאוה"ת פרשתנו ר"ע א'רו: והברית שקודם כניסת ישראל לארץ הוא על תושבע"פ ולפ"ז הברית י"ל על קבלת עול מלכות שמים שקדם לעול תומ"צ.

33) ראה ספה"מ ה'ש"ת ע' 66 ואילך. ובכ"מ.

34) ראה הערה בסה"מ שם ע' 61.

35) להעיר מהמשך תער"ב פקע"ת. ח"ג ע' א'תז ואילך.

דאָס איז אָבער ניט גענוג: דער ברית, דער עצמיות׳דיקער פאַרבונד דאַרף קומען בגילוי, און ברוחניות און (אויך) בגשמיות, האָבן השפעת טוב גשמי פון דעם אויבערשטן בטוב הנראה והנגלה.

[פונקט ווי דער אויבערשטער וויל פון אידן, עס זאָל זיין קיום התורה (לקח טוב) והמצות במעשה בפועל, המעשה הוא העיקר; אַזוי בעטן און באַקומען אידן פון דעם אויבערשטן די אַלע השפעות און זיי קומען אַראָפּ בגשמיות בטוב הנראה והנגלה — במעשה בפועל],

אויף דעם קומט דער צווייטער פירוש, אַז „התחיל משה לפייסם", משה, דער ממוצע המחבר פון אויבערשטן מיט אידן, פועל׳ט[36] אַז „קיימין לפניו" ובאופן פון „נצבים" — „בקומה זקופה" בגשמיות[37]. נאָך מער: „והקללות והיסורין מקיימין אתכם ומציבין אתכם לפניו" — די ניט געוואונשענע זאַכן פון דעם עבר ווערן נהפך צו ברכות בגילוי בטוב הנראה והנגלה.

(משיחת ש״פ נצבים תשכ״ה)

36) וכמש״נ (ואתחנן ה, ה) אנכי עומד בין ה׳ וביניכם. וראה תורת שלום ע׳ 158.

37) וראה מנחות סה, א.

# נצבים ב

א. ביים כריתת ברית בריש פרשתנו ווערט געזאָגט אין פסוק[1]: „ולא אתכם לבדכם אנכי כורת את הברית הזאת ואת האלה הזאת כי את אשר ישנו פה עמנו עומד היום לפני ה"א ואת אשר איננו פה עמנו היום".

שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער „ואת אשר איננו פה" און איז מפרש: „ואף עם דורות העתידים להיות".

לערנען מפרשים[2], אַז רש"י באַוואָרנט דערמיט, מען זאָל ניט טייטשן אַז „איננו פה" מיינט די אידן פון יענעם דור וואָס זיינען דאָרט ניט געווען באותו מעמד — און אַזוי קען מען דאָך ניט לערנען וואָרום עס שטייט דאָך פריער „אתם נצבים היום כולכם . . כל איש ישראל", אַז אַלע אידן האָבן זיך געפונען באותו מעמד. דעריבער זאָגט רש"י אַז „ואת אשר איננו פה" מיינט די „דורות העתידים להיות".

דאָס איז אָבער ניט מספיק:

וויבאַלד דער פסוק אַליין זאָגט קלאָר: „אתם נצבים היום כולכם", פאַרשטייט מען דאָך אַליין (אויך אָן פרש"י) אַז „איננו פה" גייט אויף די קומענדיקע דורות — היינט וואָס איז רש"י מחדש מיט זיין פירוש „דורות העתידים להיות"? דעריבער זיינען מפרשים[3] מוסיף:

לולי פרש"י וואָלט געווען שווער לערנען אַז מיט „איננו פה" ווערט געמיינט די שפּעטערדיקע דורות, וואָרום ווי איז שייך „לכרות ברית עם ההעדר". דעריבער דאַרף רש"י זאָגן „ואף עם דורות העתידים להיות", וואָס דערמיט איז ער מחדש אַז ס'איז יע שייך צו כורת ברית זיין מיט זיי, ווייל: א) זייערע נשמות זיינען דעמאָלט געווען און מיט זיי איז עס געווען דער כריתת ברית[4]; ב) היות אַז „ברא כרעי' דאבוה"[5], דערפאַר ווערן אויך די בנים נכלל אין דעם כריתת ברית מיט זייערע אבות.

ב. עס איז אָבער ניט פאַרשטאַנדיק:

א) ווי גערעדט כמה פעמים האָט רש"י געשריבן זיין פירוש באופן כזה אַז אויך אַ „בן חמש למקרא" זאָל פון זיינע ווערטער קענען פאַרשטיין דעם פשט פון פסוק (ניט דאַרפנדיק אָנקומען צו דעם וואָס מפרשים זיינע מסביר ומוסיף). לפי"ז איז קשה בנדו"ד: דער בן חמש האָט וועגן דעם ענין פון „ברא כרעי' דאבוה" ניט געלערנט אין קיינע פון די פריערדיקע סדרות; ער ווייס אויך ניט צי די נשמות פון די דורות העתידים זיינען געווען ביים ברית אָדער ניט — איז אויב רש"י איז אויסן צו אויפטאָן, אַז אויך מיט די נאָך ניט געבאָרענע דורות קען מען כורת ברית זיין, האָט ער געדאַרפט אויסטייטשן בפירוש ווי אַזוי דאָס איז מעגליך — צי מצד

1) כט, יג־יד.

2) רא"ם, גו"א, באר מים חיים, ש"ח, ומשכיל לדוד.

3) רא"ם.

4) רא"ם. וראה באר מים חיים. ובמשכיל לדוד כ': ש"ס ערוך בפכ"ב דשבת (קמו, א) אע"ג דאינהו לא הוו מזלייהו הוו כו'.

5) ש"ח כאן. בגו"א: דהא אין ב"ד יכול לבטל דברי ב"ד חבירו . . וכיון שכך הוא הרי שפיר יכולים לקבל עליהם ברית כו'.